בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון כ"א

פרשת דברים תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: אִיךְ ווִיל אַפָּאר מִינוּט מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, וְוִיפִיל חִיזוּק מֶען גֶעבְּט פַאר מְלַמְּדִים דַארְף מֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חִיזוּק.

### קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְחַנֵּךְ דַארְף ווִיסְן אִיז "אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען". וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט אָן אַ וַואשׁ מַאֲשִׁין עֶס זָאל גֵיין, פָּאלְגְט עֶס, עֶס אַרְבֶּעט פִּינְקְטְלִיךְ לוֹיט וִוי אַזוֹי מֶען הָאט עֶס אָנְגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזָאגְט זָאל אוֹיף דִי רֶגַע גֶעשֶׁעְן.

### מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי עֶס פּוֹעֶלְ'ט

אֵיי וֶועט אִיר פְרֶעגְן 'פַארְוָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן, אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הֶערְן סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס?' - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, מֶען קֶען נָאר נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז אוֹיפְ'ן רֶגַע זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער אָנְהוֹיבְּן טוּן וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וִוי דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי.

אִיךְ ווִיל בַּאמֶערְקְן, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט יֶעצְט פוּן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה, אַז מֶען זָאל זִיצְן שְׁטִיל, וֶוען מֶען ווִיל אַרַיין פְרֶעגְן הֵייבְּט מֶען אוֹיף דִי הֶענְט, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין סְתַּם אַזוֹי אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען אִינְמִיטְן דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט; יֶעדֶער מְלַמֵּד אִיז בַּארֶעכְטִיגְט אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אִים בַּאקְוֶועם צוּ פִירְן דִי כִּתָּה, מֶען רֶעדְט דָא פוּן פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת אָדֶער אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען, מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי עֶס פּוֹעֶלְ'ט.

### מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים

מוֹהֲרַ"ן פְלֶעגְט זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן, מֶען זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים' פַאר דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדוֹת, מוֹהֲרַ"ן הָאט גֶעזָאגְט: **"הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דָא אַסַאךְ מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִּיקִים"**, וָואס זָאלְן מִיר הַיינְט זָאגְן? יֶעדְן טָאג קוּמֶען אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִּיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי גְמָרָא, פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז כְּדַאי דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן נָאכְ'ן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל.

אוֹיפְ'ן מִינוּט זֶעט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ וִוי עֶפֶּעס טוּישְׁט זִיךְ, מֶען דַארְף אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער. אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע זָאגְט פַאר אִירֶע קִינְדֶער **"טוּ אַזוֹי"**, **"מֶען טוּט נִישְׁט אַזוֹי"**, זִי זָאגְט עֶס אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן צוּם סוֹף פּוֹעֶלְ'ט זִי.

### אַוַודַאי מַאכְט עֶס אוֹיס!

אִיר וֵוייסְט ווִיפִיל מָאל אִיךְ זָאג פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען!"**? הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל! וַוייל אַ גַאנְצֶע וָואךְ דַאוֶונֶען זֵיי אִין חֵדֶר, שַׁבָּת דַאוֶונֶען זֵיי נֶעבְּן מִיר, פוּן דִי דְרֵיי יָאר בִּיז זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה, עֶס אִיז דָא פוּפְצִיג שַׁבָּתִים אַ יָאר, אִיךְ דַאוֶוען מִיט זֵיי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן שַׁבָּת צוּפְרִי, אִיז שׁוֹין דָא 'הוּנְדֶערְט תְּפִילּוֹת' אַ יָאר, אוּן בַּיי יֶעדֶע דַאוֶונֶען זָאג אִיךְ אַפָּאר מָאל פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען"**, **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען"**, וֶועסְטוּ זָאגְן אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס? אַוַודַאי מַאכְט עֶס אוֹיס! אִיךְ קוּק צוּ פוּן דִי זַייט אוֹיף מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, זֶע אִיךְ אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵיי רֶעדְן שׁוֹין נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, זֵיי דַאוֶונֶען שׁוֹין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

## • מֶען רֶעדְט צוּם וַואנְט

### רֶעדְן מִיט לִיבְשַׁאפְט

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט מְלַמְּדִים; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי הֶענְט פַארְ'ן עֶסְן בְּרוֹיט, וִוי אַזוֹי אָנְצוּכַאפְּן דִי בְּרוֹיט בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט הַמּוֹצִיא, מֶען זָאל אַרוֹיס זָאגְן קְלָאר דִי וֶוערְטֶער וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט, אוּן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיס קוּקְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן נָאךְ מִידּוֹת טוֹבוֹת, וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַ חַבֶר אוּן צוּ רֶעדְן אֵיידְל, - דָאס דַארְף מֶען זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט מִיט לִיבְשַׁאפְט, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דִי קִינְדֶער אַפִילוּ עֶר אִיז אַ שְׁוֶוער קִינְד, אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיפְ'ן קִינְד, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דָאס אִיז מַיין קִינְד, אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּם מִיט אִים וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַן אֵייגְן קִינְד, וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער צוּם סוֹף אַרַיין גֵיין.

### נִישְׁט וֵויי טוּן קִינְדֶער

אֵיינֶער פוּן דִי מְנַהֲלִים רוּפְט מִיר אָן, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים, עֶר זָאגְט מִיר אוֹיף אַ מְלַמֵּד: **"דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר מַמָּשׁ מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן בֶּעטְן הִילְף אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אִין כִּתָּה, וַוייל עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער"**. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע גְרוּס, צוּ הֶערְן וִוי שְׁטַארְק דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קִינְדֶער, וַוייל וֶוען קִינְדֶער גְרִיסְן **"גוּט מָארְגְן"**, אוֹיבּ הָאט מֶען לִיבּ דֶעם קִינְד גְרִיסְט מֶען צוּרִיק מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוֹיבּ וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז פוּן דֶעם קִינְד גְרִיסְט מֶען צוּרִיק בְּלֵית בְּרֵירָה, אָן קַיין שְׁמֵייכְל, אָדֶער וֶוען אַ קִינְד קוּמְט עֶפֶּעס פְרֶעגְן, אוֹיבּ עֶקְלְט מֶען זִיךְ פוּן דֶעם קִינְד, עֶנְטְפֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, מֶען עֶנְטְפֶערְט טְרִיקְן: **"יָא"**, **"נֵיין"**, **"גֵיי"**, **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט יֶעצְט!"** דֶער קִינְד כַאפְּט עֶס, עֶר פִילְט עֶס, דֶער קִינְד זֶעט 'אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין שְׁמֵייכְל פוּן מַיין רֶבִּי, מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מַיין רֶבִּי דַארְף מִיךְ נִישְׁט'.

נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען מַאכְן אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף**

<<<

המשך

# שִׁעוּרִים אִין חִנוּךְ

פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שְׁנַת תשפ״ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרג יע״א

## • מֶען רֶעדְט צוּם וַואנְט

**מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אַפִילוּ דֶער קִינְד וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער, אַזוֹי אוּמְבַּא'טַעֲמְ'ט אוּן אוּמְבַּא'חֵנְ'ט".**

### צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר אַ קָטָן...

מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִידוֹת אוּן הַלָכוֹת, אוּן אַז אַ קִינְד כַאפְּט דָאס נִישְׁט אוֹיף, זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז לוֹיט דִי הֲלָכָה שְׁטְרָאפְט מֶען נִישְׁט בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַטָה אַ אִינְגְל בִּיז דִי דְרַייצְן יָאר אוּן אַ מֵיידְל בִּיז דִי צְוֶועלְף יָאר, מֶען קֶען נִישְׁט פְרֶעגְן: **"אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין טוֹיזְנְט מָאל גֶעזָאגְט אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט!"** וַוייל צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר אַ קָטָן וַוייל מֶען דַארְף אִים נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן. - **"אָבֶער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין טוֹיזְנְט מָאל גֶעזָאגְט אַז דִי לֶעדְל רִירְט מֶען נִישְׁט אָן!"** - עֶס אִיז קִינְדֶער; צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן.

### שְׁפַּאצִירְן אִין גַאס

מֶען קֶען אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַ וֶועג צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְצֵייכֶענֶען מִיט אַ גוּטֶע נַאשׁ, אָדֶער מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם מִיט סְטַארְס, פּוֹינְטְס אוּן טִיקֶעטְס. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע וֶועטֶער קֶען מֶען בַּאלוֹינֶען אַז מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי קִינְדֶער אִין פַּארְק, מֶען גֵייט מִיט זֵיי שְׁפַּאצִירְן אִין גַאס צוּ זֶען דִי נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי שֵׁיינֶע בֵּיימֶער אוּן פְרִישֶׁע בְּלֶעטֶער וָואס וַואקְסְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיבּ מֶען ווִיל אַרוֹיס גֵיין, דַארְף מֶען עֶס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי אָפִיס, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג גֵיין אִין פַּארְק פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט... אוּן אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי לִימוּדִים ווִיפִיל מֶען דַארְף לֶערְנֶען, דַאן קֶען מֶען בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אִינְדְרוֹיסְן.

### דִי לֶעקְטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס...

בִּשְׁעַת אַ מְלַמֵד לֶערְנְט פָאר קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן 'וֶוער הֶערְט מִיךְ אוֹיס?' דֶער קַאטְשְׁקֶעט אוֹיף פַּאפִּיר, דֶער בְּלִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן צוּ אַ צְוֵוייטְן, דֶער מַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְסְן, דֶער לֵייגְט אַרָאפּ זַיין קָאפּ, אוּן דֶער צִיט זִיךְ אוֹיס אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען כְּאִילוּ עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעוֶוען אַלֵיינְס אִין כִּתָּה... עֶס זֶעט מַמָשׁ אוֹיס ווִי דִי וֶוערְטֶער גֵייֶען אַרוֹיף צוּ דִי לוּפְט. אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אוֹיף דֶעם, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג פָאר דִי בָּחוּרִים גְמָרָא אוּן הִתְחַזְקוּת, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ ווִי 'אֶפְשָׁר דִי לֶעקְטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס'... אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

### אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַלֶע יָארְן

אִיךְ זָאג אַלְץ, אַז לֶערֶערִינְס דַארְפְן ווִיסְן, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַפָּאר יָאר, וֶועלְן פְרוּוֶען צוּקוּמֶען צוּ אַייךְ בַּיי שְׂמְחוֹת אָדֶער אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן זָאגְן: אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פַאר צֶען יָאר צוּרִיק בַּיי אַייךְ, אִיר הָאט גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ מִיר, ווִייל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים זֶענֶען מִיר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, זַייט דֶעמָאלְט לֵיין אִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע, זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, אִיךְ פְלֶעג גַנְבְ'עֶנֶען שְׁטִילֶערְהֵייט פוּן לֶעדְלֶעךְ פוּן מַיינֶע חַבֶר'טֶעס אוּן אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מָשָׁל וֶועגְן גַנְבְ'עֶנֶען, אוּן זַייט דֶעמָאלְט גַנָב'עֶ אִיךְ מֶער נִישְׁט.

קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען יֶעדֶע רִיר וָואס זֵיי זֶעעֶן אוּן הֶערְן, אַפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַזוֹי. יָארְן אַרוּם וֶועט זִי נָאךְ גֶעדֶענְקֶען וואוּ זִי אִיז גֶעזִיצְן, וֶועלְכֶע קָאלִיר פֶּענְסִיל קֶעיס (בְּלֵייעֶן הַאלְטֶער) זִי הָאט גֶעהַאט, וֶועלְכֶע קְלֵייד דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעהַאט, אוּן אוֹיךְ דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּר וָואס דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעגֶעבְּן וֶועגְן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם', זִי וֶועט זָאגְן: **"זַייט אִיר הָאט גֶעגֶעבְּן יֶענֶע שִׁיעוּר בִּין אִיךְ מְכַבֵּד מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ עֶנְטְפֶער מֶער נִישְׁט צוּרִיק מִיט חֻצְפָּה"**, אוּן **"אִיךְ גֶעדֶענְק אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט וֶועגְן זַיין אֵיידְל, מִן הַסְתָם גֶעדֶענְקְט אִיר שׁוֹין נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה, אָבֶער מִיר הָאט עֶס זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, אוּן זַייט דֶעמָאלְט גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אֵיידְל, אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג ווִי אַזוֹי אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן בֶּעט, אַפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ וֵייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"**.

אוֹי פִילְט זִיךְ גוּט וֶוען מֶען הֶערְט דָאס! דֶעמָאלְט וֶועט אִיר טְרַאכְטְן: 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַלֶע יָארְן'. יֶעצְט זֶעט מֶען נִישְׁט דִי פֵּירוֹת, אָבֶער יֶעדֶע וָוארְט גֵייט אַרַיין.

# חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## • נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דֶעם מְחַנֵךְ

### דִי דְרִיטֶע נְקוּדָה: "נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דֶעם מְחַנֵךְ".

טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. אַז אַייעֶר קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ עֶפֶּעס קֶעגְן זַיין רֶבִּי, אָדֶער עֶר דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער וָואס זַיין רֶבִּי הָאט הַיינְט גֶעזָאגְט אִין חֵדֶר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז פֶּסַח טָאר מֶען נִישְׁט נִיצְן זַאכְן וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אָדֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן דֶעם מִנְהָג אַז מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ טְרִינְקֶען פֶּסַח 'בָּארְשְׁט', אוּן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט דֶעם מִנְהָג, מֵיינְט עֶר אַז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פִּירְט זִיךְ אַזוֹי, הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרָאקְן דִי קִינְדֶער אַז פֶּסַח 'מוּז' מֶען טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט, אוֹיבּ מֶען טְרִינְקְט נִישְׁט קַיין בָּארְשְׁט הֵייסְט עֶס אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי מְסוֹרָה. אוּן דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי מִנְהָגִים, עֶר וֵוייסְט אַפִילוּ נִישְׁט וָואס בָּארְשְׁט אִיז, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם, אוּן עֶר פְּלַאנְט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען...

### טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט פֶּסַח

לָאמִיר זָאגְן צִי אִיר זֶענְט אַ מְחַנֵךְ; אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וָואס עֶר רֶעדְט, וֶועט זִיךְ אָנְרוּפְן צוּם קִינְד: **"זָאג פַאר דַיין רֶבִּי עֶר זָאל אָפְּלָאזְן מִיט דִי שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים"**, - קֶען זַיין עֶר הָאט נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעזָאגְט, אָבֶער וָואס גֶעשֶׁעט יֶעצְט מִיטְ'ן קִינְד? אִין זַיין קָאפּ הֶערְט עֶר ווִי זַיין רֶבִּי זָאגְט: **"מֶען דַארְף טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט"**, אוּן זַיין טַאטֶע זָאגְט: **"דַיין רֶבִּי רֶעדְט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים"**, דֶער קִינְד קֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק גֵיין נָאךְ פֶּסַח אִין חֵדֶר, וַוייל וֶוען זַיין רֶבִּי וֶועט הַאלְטְן אַ דְרָשָׁה אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען וְכַדוֹמֶה, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן: 'מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין רֶבִּי רֶעדְט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים'.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ קִינְד צוּ ווִיסְן וָואס אִיז יָא שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים אוּן וָואס נִישְׁט, וָואס עֶר דַארְף יָא אָנְנֶעמֶען פוּן זַיין רֶבִּי אוּן וָואס נִישְׁט. דֶער קִינְד וֶועט זִיצְן אִין חֵדֶר אוּן טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן צַייט אַז 'מַיין טַאטֶע אִיז קְלוּגֶער פוּן מַיין רֶבִּי' אוּן 'מַיין טַאטֶע זָאגְט אַז מַיין רֶבִּי רֶעדְט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים'.

אַ קְלוּגֶער טַאטֶע וֶועט זָאגְן פַאר זַיין קִינְד: **"לָאמִיר הֶערְן, וָואס הָאט דַיין רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶועגְן אוֹיפְהֵייבְּן זַאכְן פוּן דֶער עֶרְד? אוּן וָואס הָאט דַיין רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶועגְן טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט? אָה, עֶס אִיז טַאקֶע דָא אַזַא מִנְהָג פוּן צַדִיקִים נִישְׁט צוּ נִיצְן זַאכְן וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן צוּ טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט, אָבֶער יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע מִנְהָגִים"**.

[דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט אִיז, וַוייל דִי צְדוֹקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶע זוֹיעֶרֶע זַאךְ הֵייסְט חָמֵץ, לוֹיט זֵיי טָאר מֶען פֶּסַח נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין שׁוּם זוֹיעֶרֶע גֶעטְרַאנְק, אָבֶער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים לה.) אַז 'חָמֵץ' מֵיינְט נָאר פוּן דִי 'חֲמֵשֶׁת מִינֵי דָגָן', (חִטָּה - וֵוייץ, שְׂעוֹרָה - גֶערְשְׁטְן, כֻּסְמִין - סְפֶּעלְט, שִׁבּוֹלֶת שׁוּעָל - אוֹיטְס, הַאבֶּער, אוּן שִׁיפוֹן — רֵיי, קָארְן), דֶערְפַאר זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ טְרִינְקֶען בָּארְשְׁט, צוּ וַוייזְן אַז מִיר הַאלְטְן נִישְׁט ווִי דִי צְדוֹקִים].

מִיט דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעמַאכְט דֶער רֶבִּי, אוּן הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן קִינְד אַז מִיר הָאבּ אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זַיינֶע מִנְהָגִים, דֶער קִינְד קֶען יֶעצְט וַוייטֶער מְקַבֵּל זַיין פוּן זַיין רֶבִּי.

### נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן בִּיז נָאךְ כֶּתֶר

נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַייעֶר קִינְד קוּמְט אַהֵיים פַאר שָׁבוּעוֹת אוּן זָאגְט: **"מַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן פוּנֶעם זְמַן בִּיז נָאךְ כֶּתֶר"**, אַז דֶער טַאטֶע וֶועט זִיךְ אָנְרוּפְן: **"זָאג פַאר דַיין רֶבִּי עֶר**

# חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## • אַ מְלַמֵּד דַארְף שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.**

### מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת - אָדֶער נִישְׁט?

אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט מִיר: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, אֵיינְמָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז מֶען דַארְף מִיטְהַאלְטְן 'מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת', אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען אַז אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שִׂמְחוֹת?

זָאג אִיךְ אִים: מֶען דַארְף מִיטְהַאלְטְן שִׂמְחוֹת; אַז דוּ אַרְבֶּעטְס מִיט קִיכְן, זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת, אָבֶער אַז דוּ אַרְבֶּעטְס מִיט קִינְדֶער, טָאר דָאס נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער. קֶענְסְט גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת אָבֶער דוּ דַארְפְסְט טְרֶעפְן אַ בִּמְקוֹם. אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט דֶעם זְמַן עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה חֲתוּנוֹת, זָאג פַאר דִי אָפִּיס אַז דֶעם זְמַן קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען, וַוייל דוּ הָאסְט עֶטְלִיכֶע חֲתוּנוֹת.

### מֶען קֶען הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן דַארְף נֶעמֶען אַ בִּמְקוֹם, מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין כִּתָּה מִידֶערְהֵייט, וַוייל אַז מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט קֶען מֶען הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער.

מֶען קֶען זֶען אוֹיף אַ מְלַמֵּד וָואס קוּמְט אִין חֵדֶר נָאךְ אַ חֲתוּנָה, וִוי אָנְהֵייבּ טָאג קוּקְט עֶר שׁוֹין אוֹיס אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג מִיד, עֶר קֶען דָאךְ הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער!

### עֶסְן פְרִישְׁטָאג

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: יֶעצְט וֶועלְן מִיר עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁיעוּר, וַוייל אִיךְ וִויל דִי מְלַמְּדִים זָאלְן כָאטְשׁ הָאבְן צֶען מִינוּט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג. מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה פַארְ'ן עֶסְן, אַז מֶען עֶסְט פְרִישְׁטָאג קֶען מֶען נָאכְדֶעם גֶעבְן לֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער.

# הַמְשֵׁךְ חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## • נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְן אַ קִינְד

**זָאל נִישְׁט הַאקְן אִין קָאפּ, עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי נַארִישְׁקֵייטְן...“** הָאט אִיר יֶעצְט אַוֶועק גֶעמַאכְט זַיין רֶבִּי, מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת וֶוען דָאס קִינְד גֵייט צוּרִיק אִין חֵדֶר, וֶועט עֶר מֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן זַיין רֶבִּי.

### טַאטֶע מַאמֶע - מִיט אַ רֶבִּי

פוּנְקְט וִוי דֶער מְלַמֵּד דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן עֶלְטֶערְן, דִי זֶעלְבֶּע דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זַיין פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן דֶעם מְלַמֵּד. אַ קִינְד דַארְף הָאבְן טַאטֶע מַאמֶע - מִיט אַ רֶבִּי.

### זָאל עֶר אַייךְ אַוֶועק מַאכְן?!

וֶוען אַ מְלַמֵּד הַאלְט אַ דְרָשָׁה וֶועגְן זִיךְ אָפְּגִיסְן 'נֶעגְל וַואסֶער', עֶר וִויל אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן נֶעגְל וַואסֶער, עֶר זָאגְט: מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער, אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער קֶען מֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן זִיךְ צֶעקְלַאפְן אוּן הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן, אַלֶעס וָואס מֶען כַאפְּט אָן פַארְ'ן אָפְּגִיסְן וֶוערְט טָמֵא, אוּן מֶען קֶען גְלַייךְ אָנְזֶען וֶוער עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיבּ עֶר גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער.

מַאכְט זִיךְ אַז אַ קִינְד הֵייבְּט גְלַייךְ אוֹיף דִי הֶענְט אוּן זָאגְט: **”רֶבִּי, מַיין טַאטֶע גְרֵייט נִישְׁט אָן קַיין נֶעגְל וַואסֶער!“** טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, לָאמִיר אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס וִוילְט אִיר אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן? זָאל עֶר אַייךְ אַוֶועק מַאכְן אַזוֹי וִוי אִיר מַאכְט אִים אַוֶועק?! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְן ווֹאוֹילֶע מְלַמְּדִים, זֵיי וֶועלְן זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: **”דַיין טַאטֶע גִיסְט אוֹיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער; קֶען זַיין אַז עֶר אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אִיז זֵייעֶר מִיד בַּיינַאכְט, פַארְגֶעסְט עֶר אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, גְרֵייט דוּ אִים אָן נֶעגְל וַואסֶער“.**

### עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען

אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ זָאג פַאר דִי בָּחוּרִים: **”מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה“**, אוּן אַ בָּחוּר רוּפְט זִיךְ אָן: **”מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה!“** אָדֶער אִיךְ הַאלְט אַ דְרָשָׁה אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, אִיךְ זָאג זֵיי וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, בְּגָדִים, אוֹת ה): **”מִי שֶׁאוֹכֵל קוֹדֶם הַתְּפִלָּה הוּא נֶעֱנָשׁ בִּבְגָדִים“**, וֶוער עֶס עֶסְט פַארְ'ן דַאוֶוענֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער, דִי רֶעקְל וֶוערְט צֶערִיסְן אָדֶער דִי הוּט פַאלְט אַרַיין אִין בְּלָאטֶע, רוּפְט זִיךְ אַ בָּחוּר אָן: **”רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מַיין טַאטֶע עֶסְט פַארְ'ן דַאוֶוענֶען“**, וָואס זָאל אִיךְ אִים זָאגְן? אִיךְ זָאל אַייךְ אַוֶועק מַאכְן אַזוֹי וִוי אִיר מַאכְט אַוֶועק וָואס אִיךְ זָאג?! אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט, אִיךְ זָאג פַארְ'ן בָּחוּר: **”אֶפְשָׁר מֶעג דַיין טַאטֶע עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט, עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיף דֶער נַאכְט, אַפִילוּ וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים דַארְף עֶר נָאךְ עֶרְלֶעדִיגְן זַיינֶע זַאכְן, עֶר שְׁלָאפְט קוֹים, מוּז עֶר עֶסְן זִיךְ צוּ דֶערְכַאפְן זַיין הַארְץ, אָבֶער אַ בָּחוּר אִיז מְסוּדָר, דוּ שְׁלָאפְסְט פֵיין, דוּ עֶסְט פֵיין, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען“.**

### גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל

אָדֶער אִיךְ הַאלְט אַ דְרָשָׁה פַאר דִי בָּחוּרִים, אַז בַּיינַאכְט דַארְף מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן אָן נַאכְט קְלֵיידֶער, [דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט וֶוען אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעזֶען זֶעכְצְן יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ, אוּן אִיךְ זֶע קִינְדֶער לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן אָן נַאכְט קְלֵיידֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס גֵייט פָאר מִיט זֵיי? וִוי קֶען מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן אָן נַאכְט קְלֵיידֶער?!'] זָאגְן מִיר בָּחוּרִים: **”מַיין טַאטֶע גֵייט אוֹיךְ אַרוּם אִינְדֶערְהֵיים אָן נַאכְט קְלֵיידֶער, נָאר מִיט זַיין אוּנְטֶער וֶועשׁ“**, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע מַאכְן אַז אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט הָאבְן קַיין שׁוּם שֶׁעצוּנְג פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶער אִיךְ טוּ עֶס נִישְׁט, אִיךְ מַאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק עֶלְטֶערְן, אִיךְ עֶנְטְפֶער זֵיי: **”דַיין טַאטֶע וָואלְט אוֹיךְ גֶעשְׁלָאפְן מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער, נָאר עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן זִיךְ אָנְצוּטוּן, עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט בַּיינַאכְט“.**

### דוּ הָאסְט דֶער בֶּעסְטֶער רֶבִּי

פוּנְקְט וִוי אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק עֶלְטֶערְן, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דִי עֶלְטֶערְן, דִי זֶעלְבֶּע דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן דִי מְחַנְּכִים. אַז אַייעֶר קִינְד קוּמְט אַהֵיים אוּן זָאגְט אִיבֶּער אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וִוי עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד, אָדֶער גֶעטוּן מִיאוּס'עֶ זַאכְן, אוּן בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן זִיצְן נֶעבְן, בְּלִינְקְט נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז אַ חָסֵר דֵעָה... אַז אִיר וִוילְט קֶענְט אִיר דָאס זָאגְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן נִישְׁט, אָבֶער אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען נָאר זָאגְן: **”גֵיי שֵׁיין שְׁלָאפְן שֶׁעפֶּעלֶע. טַאטִי מַאמִי וֶועלְן שׁוֹין אַלֶעס מְסַדֵּר זַיין פַאר דִיר, אוּן זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ הָאסְט דֶער בֶּעסְטֶער רֶבִּי, אוּן פִיר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ“.**

### גֶע'הַרְגְ'עֶט דֶעם חִינוּךְ

מֶען קֶען אוֹיפְהֵייבְן דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אוּן רוּפְן דֶעם מְנַהֵל פְרֶעגְן וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם מְלַמֵּד, פַארְוָואס דֶערְצֵיילְט עֶר וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶע'גַנְבְ'עֶט אַלְס קִינְד, אַ מְלַמֵּד דַארְף דָאךְ זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער?! אָבֶער פַארְ'ן קִינְד טָאר מֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן, וַוייל נָאכְדֶעם הָאט אִיר גֶע'הַרְגְ'עֶט דֶעם חִינוּךְ פוּן אַייעֶר קִינְד.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שִׁיעוּר, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

# בְּרִיוֹן פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר גֵייעֶן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּר מִצְוָה מַאכְן בְּקָרוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מַאכְן בְּלוֹיז אַ קִידּוּשׁ שַׁבָּת אִין שׁוּל, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אוֹיסְצוּוואַרְפְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי שִׂמְחָה, וּבִפְרַט אַז מֶען הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס צוּ בַּאצָאלְן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז מַיין זוּן, דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן דֶערְפוּן. ווִיפִיל מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִים מַסְבִּיר צוּ זַיין דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ מַאכְן אַ בִּילִיגֶע שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת - ווִיל עֶר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים וָואס לַאכְן פוּן אִים אַז עֶר גֵייט נִישְׁט הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע בַּר מִצְוָה אִין אַ זַאל אַזוֹי ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט חִיזּוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן, וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת עֶס יָא צוּ טוּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' הָאבְּן קוֹיפְט מֶען אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל' הָאבְּן - וַוייל יֶענֶער הָאט דָאס - קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַן אֶמֶתְ'עֶ לֶעבְּן; וָואס מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט וַוייל יֶענֶער לֶעבְּט - דֶעמָאלְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְּרַאוֶוען זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, ווִי אַ בַּר מִצְוָה, חֲתוּנָה וְכַדּוֹמֶה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת וַוייל 'יֶענֶער' מַאכְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, נָאר זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט וְכוּ'.

גְלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי אוּנְז אִינֶעם מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז מֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער צוּ לֶעבְּן פַאר זִיךְ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם; מֶען לֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע דָּגוּשׁ אוֹיף דֶעם - בְּעִיקָר בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ - אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל' בַּאקוּמְט מֶען. מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דֶער חִילּוּק פוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' אוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל'.

אִיךְ כַאפּ אָן אַ דֻּגְמָא. וֶוען עֶס קוּמְט אָנְהוֹיבּ יָאר, דִי צַייט וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן שׁוּלֶע יָאר, אוֹיבּ קֶען מֶען נָאךְ נוּצְן דִי טַאשׁ (בְּרִיפְקֶעְס) פוּן פַארְיָאר - 'דַארְף' מֶען נִישְׁט קוֹיפְן אַ נֵייעֶ; עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז מֶען 'ווִיל' אַ נֵייעֶ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ 'ווִיל' נֵייעֶ אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן וְכוּ', אָבֶער מֶען אִיז מַסְבִּיר אִין שׁוּלֶע פַאר דִי קִינְדֶער אַז אַ נֵייעֶ טַאשׁ קָאסְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן גֶעלְט. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַז זַאכְן קָאסְטְן גֶעלְט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי טַאטֶע מַאמֶע אוּן בְּלָאזְן, סְטְרַאשֶׁענְדִיג אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּלֶע בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ; אֲפִילוּ עֶס רֶעדְט זִיךְ דָא פוּן קְלֵיין גֶעלְט, אָבֶער אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי דָאס פַארְשְׁטֵיין וֶוען עֶס קוּמְט זֵייעֶר צַייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אָדֶער בַּר מִצְוָה הָאבְּן אוּן זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת וְכַדּוֹמֶה, זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה. בַּיי דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵיי בֶּערְשְׁטְן", וָואס דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן", אוּן וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: "נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ קוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: "הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אִין אִידִישׁ: "דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאר צוּ זֶען דֶעם טָאוְול; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תקיג)


שִׂמְחוֹת ווִינְקֶל

**ברכת מזל טוב**

מערכת "שיעורי חינוך" וואונטשט בשם אלע מחנכים איבער די וועלט א ווארעמע ברכת מזל טוב פאר

**מורינו הראש ישיבה שליט"א**

צום געבורט פון אן אייניקל

**ביי זיין זוהן הרב אלחנן חיים נרו יאיר**

מגיד שיעור בישיבה קטנה היכל הקודש ברסלב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח ווייטער אונז צו לערנען דעם וועג ווי אזוי מיר זאלן זיין ערליכע אידן און קענען מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא, אמן.

אויך וואונטשן מיר א ברכת מזל טוב פאר דער זיידע

**הרב ר' מרדכי אינדיג שליט"א**

מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך אידיש נחת ביי אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

מערכת שיעורי חינוך



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876